צו איר געזאָגט: טאָכטער, דיין גלויבן האָט דיר
געהאָלפן; גיי לשלום, און זיי געזונט פון דיין
פּלאָג!
35 בשעת ער האָט נאָך גערעדט, קומט מען פון דעם
גבאי׳ס הויז, אַזוי צו זאָגן: דיין טאָכטער איז
36 געשטאָרבן; וואָס באַמיסטו נאָך דעם רבין? ישוע
אָבער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם
וואָרט וואָס איז גערעדט געוואָרן, נאָר האָט געזאָגט
37 צום גבאי: פאָרכט דיך נישט, גלויב נאָר! און
האָט קיינעם נישט געלאָזט מיטגיין, אַ חוץ
פּעטרוסן, און יעקבן, און יוחנן יעקבס ברודער.
38 און זיי קומען צו דעם גבאי׳ס הויז; און ער זעט אַ
39 געטומל, און מען וויינט און קלאָגט זייער פיל. און
אַריינגייענדיק זאָגט ער צו זיי: וואָס טומלט איר
און וויינט? דאָס קינד איז דאָך נישט געשטאָרבן,
40 עס שלאָפט נאָר. און זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט
פון אים. ער אָבער, נאָך דעם ווי ער האָט אַלע
אַרויסגעטריבן, נעמט ער דעם פאָטער פון דעם
קינד און די מוטער, און די וואָס זענען געווען מיט
אים, און גייט אַריין וואו דאָס קינד איז געווען.
41 און ער האָט אָנגענומען דאָס קינד ביי דער האַנט,
און האָט צו איר געזאָגט: טליתא קומי! וואָס
פאַרטייטשט איז דאָס: מיידעלע (איך זאָג דיר)
42 שטיי אויף! און דאָס מיידעלע איז גלייך אויפֿ־
געשטאַנען, און איז אַרומגעגאַנגען; וואָרום זי איז
שוין אַלט געווען צוועלף יאָר. און זיי זענען תיכף
דערשטוינט געוואָרן מיט אַ גרויסער דערשטוינונג.
43 און ער האָט זיי זייער אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל
זיך דערפון נישט דערוויסן; און האָט געהייסן מען
זאָל איר געבן צו עסן.